# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Veltlekhe Yidishkayt Far Di Yingere Doyres / Secular Yiddishkayt for the Younger Generations

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0408f44v

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

### Author
Saul Goodman, Shual Gutman /

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# וועלטלעכע יידישקייט פאַר די יינגערע דורות

צווישן ענגליש־רעדנדיקע יידן אין אַמעריקע איז פאַרשפּרייט דער געדאַנק אַז די פילאָסאָפיעס און אידעאָלאָגיעס וועגן יידישער עקזיסטענץ, וואָס זיינען אויפגעקומען אין מזרח־אייראָפּע פון 75 יאָר צוריק, זיינען שוין איצט מער נישט גילטיק. די דאָזיקע אידעאָלאָגיעס, מיינט מען, זיינען געבאָרן געוואָרן, האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט, און געשטאָרבן צוזאַמען מיטן מזרח־אייראָפּעישן יידנטום וואָס האָט זיי פּראָדוצירט. די פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון וועלטלעכער יידישקייט ווערן איגנאָרירט, אפשר דערפאַר ווייל די עקספּאָנענטן פון אַ רעליגיעזן וועלטבאַנעם דאָמינירן איצט אין דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפט. נישט געקוקט אָבער אויף דעם, איז דאָ אין היגן יידישן קיבוץ אַ באַדייטנדיקער סעגמענט וועלטלעכע יידן וואָס ווילן נישט פאַרשווינדן. גלייכצייטיק זיינען פאַראַן אַ סך דאָ־געבוירענע יידישע אינטעלעקטואַלן, אַקאַדעמיקער און סטודענטן, וועלכע ווייסן גאָר נישט וועגן דער עקזיסטענץ פון וועלטלעכער יידישקייט, אָבער זיי קענען ניט אַקצעפּטירן די רעליגיעזע יידישקייט אין אירע עטלעכע וואַריאַנטן. ווי אַ רעזולטאַט ווערן זיי אין גאַנצן אָפּגעפרעמדט פון אונדזער יידישער סביבה.

מיין בוך: „דער גלויבן פון וועלטלעכע יידן" (אין ענגליש) איז אַ פּרוּוו צו דעמאָנסטרירן אַז וועלטלעכע יידישקייט איז אַ דירעקטער יורש פון דער השכלה, איז לעבנספּעיק און רעלעוואַנט הייַנט צו טאָג פאַר יידישע הומאַניסטן וואָס גלויבן אין יידישן קיום, און זיינען גרייט צו ברענגען קרבנות פאַר אַ יידישן המשך אין די תפוצות. אין דעם אַריינפיר צו מיין בוך האָב איך אָנגעצייכנט דעם אויפקום, די אַנטוויקלונג, און דעם כאַראַקטער פון יידישן סעקולאַריזם, נישט ווי אַן אַבעראַציע, נאָר ווי אַן אינטעגראַלער עלעמענט און הויפּט־שטראָם פון יידישן געדאַנק, און ווי אַ לעגיטימע אינטעלעקטועלע שטרעמונג אין דער יידישער קולטור.

צוערשט, לאָמיר דעפינירן יידישקייט און וועלטלעכקייט. ראשית, דאַרף מען געדענקען, אַז אַזעלכע קאָמפּליצירטע ענינים ווי רעליגיע און סעקולאַריזם, פּונקט ווי נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם, האָבן עטלעכע שאַטירונגען; פּונקט ווי עס איז דאָ אַ שאָוויניסטישער און אַ פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם, אַ דיקטאַטאָרישער און אַ דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם, אַזוי איז פאַראַן אַן עקסטרעמער און מעסיקער סעקולאַריזם. צווייטנס, האָט וועלטלעכע יידישקייט פּונקט ווי יהדות, דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע במשך איר געשיכטע, און האָט אַריינגעפירט שינויים אין איר אינהאַלט און פאָרם, ווי אַ רעזולטאַט פון די ענדערונגען אין דער וועלט און אין יידישן לעבן.

וואָס איז יידישקייט? יידישקייט איז פאַר מיר אַ סינאָנים פאַר יידישער קולטור; אַלע עמאַנאַציעס פון יידישן זשעני: יהדות (בין אדם למקום), תנ"ך, דער תלמוד, די יידישע ליטעראַטורן אויף העברעאיש, אַראַמעיש, און יידיש, די יידישע געשיכטע, מנהגים, פאָלקלאָר, אא"וו — דאָס אַלץ איז יידישקייט. וועלט־

---

א. גאַלאַמב (סוף פון זייט 26)

אַ כלל פאַר אַלע וואָס שאַפן: ווילן די שעפער זייערע שאַפונגען זאָלן בלייבן, מוזן זיי שאַפן אין אַ לשון וואָס איז גאַנגבאַר ביי יידן. און אַזוינע שפּראַכן זיינען צוויי — העברעיש און יידיש. פרוג האָט זיך גרויס געהאַלטן מיט דעם וואָס דער משומד, דער רעדאַקטאָר פון „ביוואָ", דרוקט אים אין רוסיש. געבליבן איז אָבער נאָר דאָס וואָס ער האָט געשריבן אין יידיש. אין רוסיש איז פרוג פאַרגעסן געוואָרן. און פרוג האָט זיך געהאַלטן גרויס דווקא מיט זיינע לידער אין רוסיש.

יידישע שרייבערס! ווילט איר אַז אייערע שאַפונגען זאָלן בלייבן, טאָ שאַפט אין אַ יידישער שפּראַך.

לעכע יידישקייט מיינט: אַלץ וואָס יידן האָבן געשאַפֿן אין שייכות צו ד ע ר וועלט. דאָס שליסט איין אַלע קאָמפּאָנענטן פֿון דער יידישער קולטור (אַחוץ רעליגיע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט יענוועלטיקע (בין אָדם למקום ענינים) ווי יידישע שפּראַכן, ליטעראַטור, געשיכטע, פּאָליטיק אד"גל. אַלץ וואָס יידן האָבן געשאַפֿן אין שייכות צום מענטשנס לעבן אויף ד ע ר וועלט באַצייכענען מיר ווי וועלטלעכע יידישקייט.

די קאָנצעפּציע סעקולאַריזם באַשטייט פֿון עטלעכע טיילן: א) אַ סעפּאַראַציע פֿון מלוכה און סינאַגאָגע, ד"ה, אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַטע זאַך וואָס דער קאָלעקטיוו טאָר נישט אַרויפֿצווינגען אויפֿן יחיד; ב) סעקולאַריזם איז אויך אַ קולטור־קאָנצעפּציע וואָס באַצייכנט אַלץ וואָס איז נישט פֿאַרבונדן מיט רעליגיעזע אינסטיטוציעס, און האָט אַ שייכות צום מענטשנס לעבן אויף ד ע ר וועלט; ג) וועלטלעכקייט איז נישט קיין שונא פֿון רעליגיע, פּונקט ווי רעליגיע דאַרף נישט זיין קיין שונא פֿון וועלטלעכקייט; סעקולאַריזם באַקעמפֿט קלעריקאַליזם, נישט רעליגיע. דער אַטעאיזם איז נאָר א י י ן ריכטונג אין סעקולאַריזם, אָבער נישט דער תמצית זיינער.

לויט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, פּראָמינענטער עקספּאָנענט פֿון וועלטלעכער יידישקייט, איז די קאָנצעפּציע וועלטלעכקייט קיין מאָל נישט געבונדן מיט אַנטירעליגיע: „אין דער דערציונג־סיסטעם, און אין דער פֿרייער קולטור־טעטיקייט באַצייכנט סעקולאַריזם דאָס אויסשליסן אַלצדינג וואָס קומט אין נאָמען פֿון אַן אַנטפּלעקטער, איבערנאַטירלעכער, אייבערמענטשלעכער אויטאָריטעט, אַ „געטלעכקייט" וואָס פֿאַרלאַנגט אַזאַ, אָדער אַן אַנדער זאַך פֿון מענטשן, כדי אויסצופֿירן דעם ווילן פֿון דער דאָזיקער איבערנאַטירלעכער אויטאָריטעט, אָדער צו געפֿינען חן אין זיינע אויגן. דער אַטעאיסטישער מאַטעריאַליזם איז בלויז איין וואַריאַנט אין סעקולאַריזם." עס איז דעריבער נישט מחמת שנאה צו רעליגיע, אַז זשיטלאָווסקי וויל סעקולאַריזירן דאָס יידישע לעבן; נאָר ווייל ער וויל מאַכן מעגלעך פֿאַר יעדן ייד־גלויביקן, אָדער נישט־גלויביקן, צו געהערן צום יידישן כלל. מען מוז עס דעריבער לאָזן צום פֿרייוויליקן באַשלוס פֿון יחיד: יאָ, אָדער נישט צו זיין רעליגיעז.

אין סעקולאַריזם, ווי אין רעליגיעזער יידישקייט, זיינען דאָ, ווי כ'האָב פֿריער אָנגעוויזן, פֿאַרשידענע שאַטירונגען. ס'איז אָבער דאָ אַ צד השווה, אַ צענטראַלער שטריך, צווישן די וואַריאַנטן אין סעקולאַריזם, אַזוי ווי ס'איז דאָ אַ צד־השווה צווישן די רעליגיעזע דענאָמינאַציעס. למשל: סיי אַן אָרטאָדאָקסישער, סיי אַ רעפֿאָרם־ייד, נישט געקוקט אויפֿן ווייטן מהלך וואָס עס טיילט אָפּ איינעם פֿון אַנדערן, האַלטן, אַז רעליגיע איז דער סימן מובהק פֿון ייד־זיין; בעת וועלטלעכע יידן האַלטן אַז ייד־זיין איז נישט אָפּהענגיק פֿון אמונה; אַז אַ יידישער אַטעאיסט איז נישט קיין צוויי־קלאַסיקער בירגער אין יידישן פֿאָלק. אַזוי לאַנג ווי אַ ייד פֿאַרבינדט זיך נישט מיט אַ ניט־יידישער רעליגיע געהערט ער צום יידישן קאָלעקטיוו. עס מוז זיין אין רשות פֿון יחיד יאָ, אָדער נישט צו גלויבן אין יהדות. אַנדערש וועלן מיר אויסשליסן פֿון יידישן פֿאָלק די שעפֿערישע יידן פֿון אונדזער ציַיט: אַן איינשטיין, אַ פֿרויד, אַ האָרעס קאַלען, אחד־העם, ליבמאַן הערש.

און אפֿשר טאַקע דערפֿאַר וואָס מיר האָבן אין עבר נישט פֿאַנאַנדערגעטיילט די צוויי באַגריפֿן: פֿאָלק און רעליגיע דעראַר האָבן מיר פֿאַרלאָרן אַ ריי פֿון אונדזערע גרעסטע יידן: אַ שפּינאָזאַ, אַקאָסטאַ, שלמה מיימון און אַ סך אַנדערע. מיר מוזן דעריבער סעפּאַרירן די רעליגיעזע יידישקייט פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור. אין אונדזער סעקולאַריזירטער תקופֿה דאַרף רעליגיע דערקלערט ווערן ווי אַ פּריוואַט־זאַך, וואָס איז נישט אָבליגאַטאָריש פֿאַרן יידישן יחיד; אַזוי פֿירט זיך ביי אַלע קולטור־פֿעלקער. אַן אָבליגאַטאָרישע וועלט־אַנשויאונג מיינט דאָך בינדן דעם יחיד אין דאָגמאַטישע קייטן, וואָס וועלן אים נישט לאָזן לעבן אין הסכם מיט די אידעען פֿון טאָלעראַנץ און פֿרייהייט פֿון געוויסן.

ווי אַן אָנהענגער פֿון פֿילאָסאָפֿישן אידע־

אַליזם האָט דער סעקולאַריסט זשיטלאָווסקי אָפּגעשאַצט די דויערנדיקע ווערטן וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין דער יהדות און ער האָט פאַרגעלייגט אַז וועלטלעכע יידן זאָלן אַרויסנעמען פון יודאַיזם און אַקצעפּטירן יענע באַשטאַנד־טיילן וועלכע זיינען נישט אין סתירה צום סעקולאַריזם. לויט זיין מיינונג דאַרף אַ וועלטלעכער ייד פייערן מערסטע יידישע ימים־טובים, און רוען אום שבת. ער האָט אַנאַליזירט די געשיכטע, די סימבאָלן, דעם באַטייט פון יעדן יידישן יום־טוב, און איז געקומען צום אויספיר אַז כמעט אַלע אַנטהאַלטן נאַציאָנאַלע, דערהויבנדיקע מאָמענטן, וואָס מאַכן זיי ווערטפול פאַר וועלטלעכע יידן: „מיר, וועלטלעכע יידן, האָבן נישט קיין „מען מעג“, אָדער „מ׳טאָר נישט“, מיר מעגן אפילו זיין טרויעריק אום תשעה באב, פאַסטן יום־כיפור, אָנצינדן ליכט לכבוד שבת, און טון „ערגערע“זאַכן, אויב מיר דערזען אין זיי אַ נאַציאָנאַל־פּאָעטישן אינהאַלט, אַ מענטשלעכן געדאַנק, וועמענס לאָגיק און גערעכטיקייט עס פאַרשעמט אונדז נישט.“

זשיטלאָווסקי איז געווען אומגערעכט בנוגע ראש־השנה און יום־כיפור, וועלכע ער האָט אויסגעשלאָסן פון די ימים־טובים פאַר וועלטלעכע יידן, ווייל זיי זיינען „ריין רעליגיעזע“. ער האָט נישט אָפּגעשאַצט אַז דער סאַמע תוך פון די צוויי ימים־טובים איז זייער נאַציאָנאַל עטישער כאַראַקטער, ווען דער ייד מאַכט אַ חשבון־הנפש צי ער לעבט אין הסכם מיט זיינע גלויבונגען. אויך אַ וועלטלעכער ייד דאַרף זיך אָפּגעבן אַ חשבון צי ער לעבט און פּראַקטיצירט זיינע נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע אידעאַלן, און טאָן דאַרף ער עס טאָקע אין די „הייליקע טעג“ פאַרן רוב פון פאָלק — אום ראש־השה און יום־כיפור. ער דאַרף דעמאָלט נישט אַרומבלאָנקען פאַריתומט אין פּאַרקן, אָדער מוזעאומס, נאָר שאַפן פאַר זיך אַ ריטואַל, אַ וועלטלעכן „מחזור“ פון נאַציאָנאַל־אוניווערסאַלן אינהאַלט. פּרווון אין דער ריכטונג זיינען געמאַכט געוואָרן מצד דעם שלום עליכם פאָלקס אינסטיטוט אין ניו־יאָרק, דעטראָיט, און אפשר אויך מצד אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע שטעט, פאַר קינדער און דערוואַקסענע.

## II

נישט עצמדיק אַנדערש פון זשיטלאָווסקין, נאָר בלויז אין ניואַנסן, האָט איבערטערפּרעטירט יידישע וועלטלעכקייט דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק אַז רעליגיע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן יידישן קיום אין די תפוצות. יידן, האַלט ער, זיינען געבליבן לעבן צוליב זייער נאַציאָנאַלן ווילן צו לעבן, אַ ווילן וואָס איז געשטאַרקט געוואָרן דורך אַ געמיינזאַמען היסטאָרישן גורל; „מיר ווערן צוזאַמענגעשמידט דורך אונדזער גלאָרייכן עבר מיר זיינען אַרומגערינגלט דורך אַ מעכטיקער קייט פון ענלעכע היסטאָרישע איינדרוקן וואָס אונדזערע אורעלטערן האָבן געליטן הונדערטער יאָרן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעמפּלט אויף דער יידישער נשמה איבערלאָזנדיק אַ וויכטיקן אָפּזאַץ. רעליגיע און ראַסע זיינען נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזער קיום, ווייל אַגנאָסטיקער זיינען אין די ערשטע רייען פון אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. דער ״עפּעס״ וואָס האַלט אונדז צוזאַמען איז דער בשותּפותדיקער היסטאָרישער גורל פון אַלע טיילן פון יידישן פאָלק.״

ווי אַ קאָנסעקווענץ פון ד ע ר גרונט־הנחה, האָט דובנאָוו אַנטוויקלט זיין שטעלונג צו יהדות. יידישקייט איז פאַר אים דער גאַנצער היקף פון דער יידישער קולטור, פון וועלכער רעליגיע איז בלויז איין אַספּעקט, הגם זייער אַ וויכטיקער. ער באַשטייט דערויף אַז אַ ייד קען נישט אָננעמען אַן אַנדער רעליגיע און נאָך אַלץ בלייבן אַ ייד: „אין אונדזער שטרעבן צו וועלטלעכקייט, צו דער סעפּאַראַציע פון דער נאַציאָנאַלער אידעע פון רעליגיע, צילן מיר בלויז צו בעגירן דעם סופּרעמאַט, די הערשאַפט פון רעליגיע, אָבער מיר ווילן ניט עלימינירן די יהדות פון פאָלקס־אוצר. אויפצוגעבן יהדות און אָנצונעמען דאָס קריסטנטום מיינט פאַרלאָזן דאָס יידישע פאָלק.״

לויט דובנאָוון זיינען די פאָלקישע און די רעליגיעזע עלעמענטן אין יהדות במשך דער גאַנצער יידישער געשיכטע געווען צונויפגעפלאָכטן אַזוי, אַז ס׳האָט זיך אויסגעוויזן אַז ס׳איז הינו־הך. אָבער דאָס

איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם צופּאַסן זיך מצד דעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם צו די אייסנאַמאַרטיקע היסטאָרישע באַדינגונגען. דובנאָוו איז קלאָר, אַז מ׳קען זיין אַ פאַרוואָרצלטער ייִד, ניט אַקצעפּירנדיק דעם רעליגיעזן עלעמענט אין דער יידישער ירושה; ווייל יידישקייט איז אַ קולטור־סיסטעם, און יעדער מין ייד קען זיך אָפּקלייבן פון אונדזער קולטור וואָסער טייל, אָדער שטרעמונג ס׳איז אים צום נאָענטסטן.

דובנאָווס און זשיטלאָווסקיס קאָנצעפּציעס פון יידישן סעקולאַריזם זיינען געווען וויכטיקע פאַקטאָרן ביים פאַרמירן די יידיש־וועלטלעכע סביבה און אירע אינסטיטוציעס אין מזרח־אייראָפּע און אַמעריקע.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע געווען דער דאָמינירנדיקער כוח אין היגן יידישן ישוב. דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ איז דעמאָלט געווען שיער נישט אַ קאָפּיע פון מזרח־אייראָפּע, און יידיש איז דעמאָלט געווען די הויפּט־שפּראַך פון היגע יידן. די יידישע ליטעראַטור, די פּרעסע און טעאַטער האָבן געבליט. אין יענער תקופה איז וועלטלעכע יידישקייט, נוסח זשיטלאָווסקי־דובנאָוו, געוואָרן אָנגענומען פון ברייטע יידישע קרייזן. אָבער אין מיטן די דרייסיקער יאָ״ן, ווען די מזרח־אייראָפּעישע יידישע עמיגראַציע איז געווען אָפּגעשטעלט, הייבט זיך אָן אַ קריזיס אין דער אַמעריקאַנער יידיש־וועלטלעכער קולטור־באַוועגונג.

## III

אַחוץ דעם אָפּשטעל פון אימיגראַציע זיינען געווען אויך אינערלעכע סיבות וואָס האָבן גורם געווען דעם קריזיס. דער וווּקס פון דער הי־געבוירענער יידישער באַפעלקערונג, און איר אַוועקרוקן יידיש פון צענטער צו דער פּעריפעריע, האָט דעמאָנסטרירט ווי ווייניק מען קען זיך סומך זיין אויף יידיש ווי אַ דאַמבע קעגן אַסימילאַציע. מען האָט דערזען אַז ביי אַ גרויסן טייל פון צווייטן דור איז די היים אויסגעליידיקט פון יידישן אינהאַלט; ס׳איז נישטאָ קיין שבת און קיין יום־טוב. עס איז אויך געקומען אַן ענדערונג אין גייסטיקן קלימאַט פון דער וועלט: דער מאָדערנער מענטש האָט זיך דערפילט אַנטוישט אינטעכניש־מאַטעריעלן פּראָגרעס, וואָס האָט נישט געשטילט זיין הונגער נאָך יום־טובדיקייט, און האָט איבערגעלאָזט אַ נשמה־פּוסטקייט אויפן אָרט פון דער אַלטער אמונה. אַ סך צעטרייסלטע געמיטער אין אַן אומזיכערער וועלט האָבן געגאַרט זיך פאַראַנקערן אין אַ פערמאַנענטן באָדן, ווו דורות פאַר זיי האָבן געפונען גייסטיקע מנוחה און שלווה. אָבער דער מאָדערנער ייד, ווי דער מאָדערער מענטש בכלל, האָט פאַרלאָרן די פעיקייט צו גלויבן דאָגמאַטיש. ער ווערט צעפרעסן פון סקעפּטיציזם און עטישן רעלאַטיוויזם, וואָס מינעווען אונטער מעטאַפיזישע און רעליגיעזע אַבסאָלוטן. דערפאַר קען ער נישט אָננעמען די אמונה מיט אירע אַלטע אני־מאמינס.

אויף אָט דעם הינטערגרונט זיינען אויפגעקומען אַ ריי רעוויזיעס, אָדער מאָדיפיקאַציעס אין דער אַמעריקאַנער וועלטלעכער יידישקייט. ווי אַ פּועל־יוצא פון די זוכונגען האָט מען אָנגעהויבן, אין די יידיש־וועלטלעכע שולן צו באַטאָנען דורותדיקע יידישע ווערטן, טראַדיציעס און פייערונגען. די „נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווערטן” פון דער יידישער רעליגיע, וואָס זשיטלאָווסקי האָט אַרויסגעהויבן נאָך אין 1909, ווערן איצט פאַרקערפּערט אין די שבת־יום־טוב פייערונגען פאַר קינדער און דערוואַקסענע. וועלטלעכע יידישקייט, באַטאָנט מען איצט, מיינט נישט נעגירן אַלדאָס טראַדיציאָנעלע, נאָר אָפּקלייבן פון דער אַלטער קולטור אַלץ וואָס קען האַרמאָנירן מיט די השגות פון אַ מאָדערנעם ייד, און וואָס איז נישט אין סתירה צו די גרונט־פּרינציפּן פון סעקולאַריזם.

איצט, ווען יידן אין אַמעריקע זיינען אינטעגרירט אין דער אַלגעמיינער קולטור; ווען די יינגערע, דאָ־געבוירענע דורות זיינען שפּראַכלעך אַסימילירט — איצט מוזן וועלטלעכע יידן איינזען אַז סעקולערע יידישקייט דאַרף פאַרמאָגן אַ וואָגיקן יידישן עקסטראַקט; עס קען נישט גילטן בלויז נעגאַטיוויזם, אָדער טאָלעראַנץ אין שייכות צו רעליגיע. מיר מוזן

אקצעפטירן דאס פאזיטיווע פון אלע תקופות, און אלע גייסטיקע שטרעמונגען אין אונדזער עבר. מען דארף אפקלייבן פון דער רייכער גייסטיקער ירושה אונדזערער אלץ וואס איז זיגפול, אלץ וואס קען באַרייכערן דעם יידישן יחיד און כלל; און ס'איז דא גאר א סך וואס איז רעלעוואנט פאר מאדערנע יידן — אין אלע שטראמען אין דער יידישער געשיכטע: אין נביאישן, אין תלמודישן, אפילו אין קבלה און חסידות, און אוודאי אין דער השכלה, און אין אונדזער מאדערנער יידישער און העברעישער ליטעראטור — די קרוין־שאפונג פון וועלטלעכע יידן.

און דא קומען מיר צום אמעריקאנעם יידישן דענקער, פראפ' האראס קאלען, וועלכער האט מיט זיין טעאריע פון קולטור פלוראליזם פארמולירט א וועלטלעכע פילאסאפיע פאר אמעריקאנער יידן, וואס סינטעזירט יידיש־נביאישע ווערטן און אמעריקאנער פלוראליזם. ער האט באטאנט אז די אידעע פון דעמאקראטיע איז אנווענדבאר נישט בלויז צו יחידים, נאר אויך צו עטנישע גרופעס. לויט אים איז די עטנישע גרופע דער צענטער ווו דער יחיד שטייט „דער פונקט פון זיינע אינטימסטע סאציאלע רעאקציעס, דעריבער פון זיין אינטענסיווסטן סאציאלן לעבן." ער איז איבערצייגט, אז אסימילאציע פון יידן מיינט פארקריפלען דעם יחידס פערזענלעכקייט אינטעלעקטועל און גייסטיק. אחוץ דעם מיינט אסימילאציע אנטי־דעמאקראטישקייט, ווייל דעמאקראטיע שליסט איין פלוראליזם, פארשיידנארטיקייט, וואריאציע. „די דאזיקע פארשיידנארטיקייט, און פילצאליקייט פון אנגעהעריקייט, ווען יעדער יחיד קען פריי באלאנגען צו פארשיידענע גרופעס, איז א קוואליטעט וואס צייכנט אויס דעם אמעריקאנעם יידישן קיבוץ פון יעדן אנדערן קיבוץ. דאס איז דער פרינציפ פון א פלוראליסטישער געזעלשאפט, וואס באזירט איר אחדות נישט אויף צווי לאיאליטעטן, נאר אויף א סך לאיאליטעטן."

דער אויפשטייג לעצטנס פון אן עטנישן באוווסטזיין צווישן אמעריקאנער מינאריטעט־גרופעס האט דעמאנסטרירט די לעבנס־פעיקייט פון קאלענס אידעען אין דער היינטיקער אמעריקע. וואס עס זאלן נישט זיין די סיבות פון עטנישן אויפשטייג, איז עס אן אומבאשטרייטבארער פאקט, אז די אמעריקאנער יידישע געמיינדע מאניפעסטירט א שטארקן ווילן אנצוהאלטן א ספעציפישן קולטורעלן יידישן המשך.

## IV

היינט־צו־טאג זיינען פאראן אין אמעריקע א סך מענטשן וואס אידענטיפיצירן זיך ווי יידן דורך זייער אנגעהעריקייט צו יידישע וועלטלעכע אינסטיטוציעס, ווי: דער ארבעטער רינג, דער אמעריקאנער יידישער קאנגרעס, אמעריקאנער יידישער קאמיטעט, דער ציוניסטישער ארבעטער פארבאנד, בני ברית, די ציוניסטישע ארגאניזאציע, און אנדערע. א סך פון די מיטגלידער פון די דערמאנטע ארגאניזאציעס זיינען נישט רעליגיעז, און אוודאי נישט קיין שומרי מצוות. זיי זיינען פאקטיש וועלטלעכע, אדער נאציאנאל־קולטורעלע יידן, אפילו ווען זיי ווייסן נישט דעם טייטש פון די דאזיקע טערמינען.

יידישער סעקולאריזם אין די תפוצות פאר יידן וואס קענען נישט אפירמירן טעאיסטישע רעליגיע — און יהדות איז גאט־צענטריט — צילט אונטערצושטרייכן אז יידישקייט איז אזוי קאמפליצירט, אייגנארטיק און ארומנעמענדיק, אז יעדער יידישער יחיד קען געפינען אין ד ע ר סימפאניע די מעלאדיע וואס פאסט אים, און די מאטיוון וואס געפינען דעם טיפסטן אפקלאנג אין זיין פערזענלעכקייט. און אויב א וועלטלעכער ייד בענקט אמאל נאך יענע ווערטן וואס האבן געגעבן א זין דער עקזיסטענץ פון זיינע אבות, זאגט ער זיך נישט אפ דעריבער פון זיינע וועלטלעכע איבערצייגונגען, נאר ער מאניפעסטירט דערמיט אז יידישער סעקולאריזם מוז טראגן דעם חותם פון דער קאלעקטיווער יידישער דערפארונג, און אז א וועלטלעכער ייד קוקט אויף דער וועלט, לויט פרצעס אויסדרוק, מיט יידישע אויגן. מען דארף אויך געדענקען אז סעקולאריזם איז נישט געבונדן מיט קיין פאליטישער אידעאלאגיע. עס איז אן אוניווערסאלער פענאמען אין דער מאדערנער געשיכטע פון אלע ציוויליזירטע פעלקער א שטראם וואס ווערט אלץ ברייט־

טער. די העברעיסטן אחד־העם און יעקב קלאַצקין, דער פאָלקיסט דובנאָוו, דער פראַגמאַטיסט קאַלען, הגם פאַרשיידן אין זייערע אַנשויאונגען, זיינען אַלע געווען סעקולאַריסטן. יידישער סעקולאַריזם איז ניט אומצעררייסבאַר פאַרבונדן מיט איין סאָציאַלער אָדער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע.

אַ צענטראַלער מאָטיוו אין רעליגיע בכלל, פונקט ווי אין דער יידישער אמונה, איז דער גלויבן אין אַ העכערן כוח וואָס קאָנטראָלירט דעם מענטשנס גורל; וועמען מען דאַרף פאָלגן און גלאָריפיצירן — און מען קען זיך נישט צווינגען צו גלויבן. אָבער דאָס מיינט נישט אַז ס'איז דעם וועלטלעכן ייד, וואָס איז באַקאַנט מיטן אין־סוף פון יידישקייט — אַז ס'איז אים פרעמד די דערהויבנקייט, די פּאָעזיע, די קאָסמישע אַנונגען, דער בשמה־ציטער וואָס אונדזערע זיידעס האָבן אַריינגעוועבט אין דער היסטאָרישער יהדות. און ווען ער דערגייט אַמאָל צו התרוממות הנפש, וועט אים די גאָט־קאָנצעפּציע פון די נביאים, פון די מקובלים, פון די פייטנים, פון די חסידים, נישט זיין פרעמד. אָבער די יידישע אמונה קען נישט זיין פאַר אים נאָרמאַטיוו, ווי זי איז דאָס פאַרן פרומען ייד. וועלטלעכקייט הייסט זען דאָס גוטע, און ווערטפולע, אין די קולטורן פון די אומות העולם, אָבער דורך דעם פּריזם פון דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט אויסגעפורעמט דעם יידישן כלל און פרט.

אַוודאי ווייס איך אַז רעליגיע באַשטייט נישט בלויז פון אַ מעטאַפיזישן און אינטעלעקטועלן קאָמפּאָנענט; זי שליסט אויך איין ריטואַלן און סימבאָלן. אָבער די לעצטע צוויי צערעמאָניאַלן און סימבאָלן זיינען לחלוטין נישט קיין סתירה צו ד ע ם וואַריאַנט פון סעקולערער יידישקייט וואָס איך האָב דאָ אַרטיקולירט. אַזאַ באַרימטער קעגנער פון אַלע פאָרמען פון טעאיזם ווי עס איז געווען דער אַמעריקאַנער יידישער פילאָסאָף מאָריס רפאל קאָהען — אגב אַ ליבהאָבער פון יידיש — ער האָט אַרויסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו דער סימבאָליק פון אמונה. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „די נסיעה פון אַ בעל־חלומות" דערציילט ער אונדז ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער אָפּגעשאַצט די ראָלע פון ריטואַל אין מענטשנס עקזיסטענץ: „אין די טעג פון מיין ערשטן יוגנטלעכן רעוואָלט קעגן יידישע פרומקייטן בין איך געווען געבייגט צו באַטראַכטן קולטוס, תפילה און ריטואַל פון קנאַפער וויכטיקייט אין פאַרגלייך מיט אמונה... מיינע אייגענע שטודיעס פון די גרויסע היסטאָרישע רעליגיעס האָבן מיך אָבער געפירט איינצוזען אַז ריטואַל איז אַן עיקרדיקער פאַקט אין מענטשלעכער רעליגיעזער דערפאַרונג... מענטשן טוליען זיך צו פאַרהייליקייטע פראַזן נישט בלויז צוליב די אַריינבליקן וואָס זיי אַנטהאַלטן, נאָר מער דערפאַר, ווייל דורך ריטואַל און איבערחזרונג זיינען זיי געוואָרן אַראָמאַטיש מיטן וויין פון מענטשלעכער דערפאַרונג.

„פאַר מיר זיינען די אַלטע צערעמאָניעס, וואָס פייערן דאָס אָנקומען און אַוועקגיין פון לעבן — די חתונה־צערעמאָניע, דער ברית, די לוויה — זיי אַלע גיבן אַן אויסדרוק דער קאָנטינואיטעט פון דער גייסטיקער טראַדיציע, וואָס איז מער עלאָקווענט ווי וועלכע עס איז פראַזן וואָס איך קען אויסטראַכטן... און כאָטש איך בין קיין מאָל נישט צוריקגעגאַנגען צו טעאָלאָגישער איבערנאַטירלעכקייט, בין איך געקומען דערצו, אַז איך זאָל אָפּשאַצן מער ווי אַמאָל דעם סימבאָליזם דורך וועלכן מיר פייערן די מענטשלעכע נויטווענדיקייט צו געטרויען זיך צו אַ גרעסערער וויזיע, לויט וועלכער קאַטאַסטראָפעס קומען און גייען אַוועק, אָבער די קאָנטינואיטעט פון לעבן, און דער גלויבן אין בעסערע מעגלעכקייטן האָבן אַ תקומה."

דערמיט האָט פּראָפעסאָר קאָהען דעמאָנסטרירט אַז אויך אַ יידישער אַגנאָסטיקער, אויב ער איז געטריי צו זיך און צו די טיפסטע יערונגען אין זיין וועזן, איז ער אַ רינגעלע אין דער קייט וואָס ציט זיך פון באַרג סיני ביז ניו־יאָרק אין אונדזערע טעג.

און אויב מיר זאָלן אָנווענדן דעם פּראַגמאַטיש־פסיכאָלאָגישן צוגאַנג צו רעליגיע, וואָלטן מיר אונדזער נוסח וועלטלעכקייט געמעגט אָנרופן טראַדיציאָנאַליסטישע, אָדער רעליגיעזע וועלטלעכקייט. דאָ איז

נישט פֿאַראַן קיין סתירה, הגם אויבנאויפֿיק קען זיך אַזוי אויסדאַכטן; ווייל לויט דזשאָן דיוּאיס דעפֿיניציע באַצייכנט דער אַדיעקטיוו רעליגיעז אַ באַציונג, אַ דיספּאָזיציע, אַ גרייטקייט צו מאָביליזירן אַלע מענטשלעכע כוחות לטובת אַן אידעאַל. אַרויסגייענדיק פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז אַלץ וואָס מיר טוען פֿאַר קיום האומה, פֿאַר אונדזערע סאָציאַלע אידעאַלן, פֿאַר דער יידישער דערציונג פֿון אונדזערע קינדער, פֿאַרן אויפֿהאַלט פֿון מדינת ישראל — אָט די אַלע טואונגען זיינען לויט דיוּאיס קריטעריע רעליגיעז אין כאַראַקטער.

אַ וועלטלעכע יידישקייט, וואָס שליסט איין שבת און יום־טוב פֿייערונגען, איז אַ טראַדיציאָנאַליסטישע; זי איז מחייב צוגעבונדקייט צו יידישע ווערטן—ווערטן וואָס זיינען פֿאַרקערפּערט אין אונדזער געשיכטע, אין אונדזער אַלטער און נייער ליטעראַטור; צום אידעאַל פֿון באחרית הימים, צו די הומאַנע און דערהייבענע אויסשטראַלונגען פֿון יידישן גייסט. עס איז אַ פּרוּוו פֿאַר יענע וואָס ווילן זיך אידענטיפֿיצירן מיטן כלל ישראל דורך מאָדערנע מיטלען, צו האַרמאָניזירן די דאָמינירנדיקע אידעען פֿון דער היינטצייטיקער קולטור מיט דער היסטאָרישער יידישקייט. זי פֿליסט אַריין אין יידיש־אוניווערסאַליסטישן שטראָם וואָס עס האָבן דורכגעבראָכן פֿילאָן, דער רמב״ם, מענדעלסאָן און קראָכמאַל, משה העס און אחד־העם, פּרץ און זשיטלאָווסקי, דובנאָוו און ש. ניגער — אָט די אַלע און אַ סך אַנדערע מאָדערנע תנאים און אמוראים האָבן געלייגט די גרונט־שטיינער פֿאַר אַ וועלטלעכער יידישקייט, וואָס אויב מיר וועלן אין יעדער תקופה צושטעלן נייע עטאַזשן צו דעם בנין, קען זי געבן אַן איבערהאַלט און אַן אָנהאַלט די יינגערע דורות.

דער פֿאַראַנקערטער וועלטלעכער ייד, וואָס פֿילט זיך קרוביש צו אַלע פֿריערדיקע דורות, איז פֿול מיט פּיעטעט פֿאַר אונדזער טראַגישער, און דערהויבענער געשיכטע. ער איז איבערגעצייגט אַז אונדזער פֿיר טויזנט יעריקע קולטור איז אַזוי גראַנדיעז, איביק־ווערטפֿול און רעלעוואַנט, אַז זי האָט אַ רעכט צו מאָנען יורשים; זי איז איינציק, זינפֿול, אַז מען דאַרף זיין אַ וואַנדאַל זי צו לאָזן שטאַרבן.

אויך די וועלטלעכע יידישקייט וואָס מיר האָבן געשאַפֿן אויף יידיש און העברעיש, אין מזרח־אייראָפּע, אַמעריקע, און ישראל — די יידישע און העברעישע ליטעראַטורן — זיינען אַזוי וואונדערלעך שיין, און פֿון נאַציאָנאַל־אוניווערסאַלן באַטייט, אַז ס'איז כדאַי צו ברענגען קרבנות אַז זיי זאָלן לעבן און וואַקסן — און קרבנות וועט מען מוזן ברענגען אויב מיר מיינען טאַקע ערנסט וועגן אַ המשך פֿון וועלטלעכער יידישקייט. יידישע עלטערן, וועלכע שאַצן אָפּ דעם מזרח־אייראָפּעישן קאָמפּאָנענט אין דער יידישער קולטור, וועלן דאַרפֿן אַרויפֿלייגן אַ גרעסערע משא — אַ משא וואָס איז אַן אומשאַצבאַרער אוצר, אויף די פּלייצעס פֿון זייערע קינדער. זיי וועלן דאַרפֿן לערנען אין אַ יידישער מיטלשול און קאָלעדזש, נישט פֿאַרענדיקן זייער יידישע בילדונג צו בר־מצווה. אַנדערש וועלן מיר ווערן אַ סטערילער שבט, און פֿאַרן אויפֿהאַלט פֿון אַ סטאַגנירנדיקן קיבוץ לויט נישט צו פֿירן אַן אומאויפֿהערלעכן קאַמף כדי ער זאָל ווייטער עקזיסטירן.

## V

ווען איך טראַכט וועגן דער צוקונפֿט פֿון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע, און אין די אַנדערע תפֿוצות, פֿאַרגעס איך נישט דעם פֿאַקט אַז דער רוב פֿון די עקספּאָנענטן פֿון וועלטלעכער יידישקייט זיינען אויפֿגעוואַקסן אין מזרח־אייראָפּע, וווּ די פֿיזישע עקזיסטענץ פֿון יידן איז געווען אין שטענדיקער סכנה. צוליב רדיפֿות און פּאָגראָמען האָבן יידישע דענקערס זיך געמוזט קאָנצענטרירן אויף שאַפֿן אידעאָלאָגיעס און באַוועגונגען וואָס וועלן קודם־כל פֿאַרענטפֿערן די „יידן־נויט", אַנשטאָט די „יידישקייט־נויט". דערפֿאַר האָט דער נאַציאָנאַלער יידישער געדאַנק זיך דער עיקר אָפּגעגעבן מיט קאָלעקטיווער יידישער עקזיסטענץ, אַנשטאָט מיט דעם זין און אינהאַלט פֿון יחידס לעבן. דאָ אין אַמעריקע איז די סיטואַציע גאָר אַנדערש: דאָ זעט זיך נישט אין דער נאָענטער צוקונפֿט קיין געפֿאַר פֿאַרן יידישן

פיזישן קיום. דערפֿאַר מוזן מיר אין דער פּלוראַליסטישער, דעמאָקראַטישער אַמעריקע אויך טראַכטן וועגן אינהאַלט און דער קוואַליטעט פֿון יידישן לעבן. סתם קיום איז נישט גענוג, און דערצו באַרעכטיקט ער נישט די קרבנות וואָס יידישער המשך פֿאַרלאַנגט אין דער פֿרייער אַמעריקע; אַ רייכער יידישער אינהאַלט איז דער פּרייז וואָס מיר דאַרפֿן צאָלן פֿאַר יידישער קאָנטינואיטעט אין אַמעריקע. נישט־רעליגיעזע יידן מוזן זיך אויך אָפּגעבן מיט אַנטוויקלען אַ טראַדיציאָנעל־מאָדערנעם ריטואַל און לעבנס־שטייגער.

רעליגיעזע יידן האָבן פֿאַרטיקע ענטפֿערס, פֿילאָסאָפֿיעס וועגן אַלע לעבנס־דילעמעס: וועגן זינען פֿון מענטשנס לעבן, וועגן לעבן און טויט, וועגן ד ע ר וועלט און י ע נ ע ר וועלט. און אפילו אויב אין „שטילע צייטן" באַשעפֿטיקט זיך ניט דער דורכשניטלעכער ייד מיט „אייביקע פֿראַגן", און ער פֿאַרטראַכט זיך זעלטן צי ער גלויבט יאָ אָדער נישט אין אַלטע טעאָלאָגיעס, רעאַגירט אָבער דער זעלביקער ייד אַנדערש אין צייטן פֿון אַ פּערזענלעכן אָדער קאָלעקטיוון קריזיס. אין אַזעלכע קריטישע צייטן כאַפּט זיך אויף אַן אַטאַוויסטישער אימפּולס אפילו ביי נישט־רעליגיעזע יידן — אַ בענקשאַפֿט נאָך דער אמונה פֿון זייערע זיידעס, וואָס וואָלט זיי געגעבן, מיינען זיי, אַ געפֿיל פֿון פֿאַרזיכערטקייט און אינערלעכער שלווה. די יידישע אמונה האָט במשך עטלעכע טויזנט יאָר אויסגעפֿורעמט אַ לעבנס־שטייגער, אַ ריטואַל, סימבאָלן, וועלכע פֿאַרקניפּן דעם יחיד מיט פֿריערדיקע דורות. אַזאַ גרויסן אויפֿטו האָט וועלטלעכע יידישקייט נישט געקענט באַוויַזן אין ווייניקער ווי אַ יאָרהונדערט. דער וועלטלעכער סעקטאָר פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס וואָרצלט אין יידישן נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם, מוז זיך ווידמען דער דאָזיקער אויפֿגאַבע.

דערצו שטייט פֿאַר אַלע שאַטירונגען פֿון יידישע הומאַניסטן דאָס קאַרדינאַלע פּראָבלעם: וואָס פֿאַר אַן עקסטראַקט פֿון דער יידישער ק ו ל ט ו ר וועט נישט אויפֿגעלייזט ווערן אין אַמעריקאַנעם ים; וואָסער סעקולערע יידישע סובסטאַנץ וועט אונדז סעפּאַרירן פֿון דער נישט־יידישער סביבה און גלייכצייטיק זיין רעלעוואַנט און געבן יניקה די יינגערע יידישע דורות. ווייל אויך אַ סעקולערער ייד מוז אנערקענען אַז יידן זיינען אַן אייגנאַרטיקער פֿענאָמען אין אַ סך פּרטים, און אַז אַלגעמיינע ליזונגען זיינען נישט אַלע מאָל אָנווענדבאַר אויף אונדזערע דילעמעס. למשל: די רוסן, די דייטשן, די פֿראַנצויזן דאַרפֿן זיך ניט ראַנגלען מיטן פּראָבלעם: ווער איז אַ רוס, אַ דייטש, אָדער אַ פֿראַנצויז. פֿאַר יידן אָבער איז שווער צו געפֿינען א י י ן ענטפֿער וואָס וועט אַלעמען צופֿרידנשטעלן.

* * * * *

אין אָנהייב פֿון היינטיקן יאָרהונדערט זיינען די פֿירערס פֿון אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען ביי יידן געווען וועטלעכע יידן: דער פּאָליטישער ציוניסט הערצל, דער גייסטיקער ציוניסט אחד־העם, דער אויטאָנאָמיסט דובנאָוו, דער יידישיסט זשיטלאָווסקי, דער פּועלי־ציוניסט באָראָכאָוו, דער בונדיסט שלמה מענדעלסאָן, דער טעריטאָריאַליסט בן־אדיר, דער פֿאָלקיסט נח פּרילוצקי — פּונקט ווי דער רוב פֿון די חלוצים, די בויער פֿון ארץ־ישראל, זיינען אַלע געווען וועלטלעכע יידן; זייער אני־מאמין איז נישט געווען טעאיסטיש, נאָר פֿאָלקיש. זייער אהבת ישראל, זייער אַחריות און קרבנות־גרייטקייט פֿאַרן כלל־ישראל איז אָבער נישט געווען קלענער ווי פֿון די גאָט־צענטרישע רבי יהודה הלוי, קרעסקאָס, מהר"ם ראָטענבערג, בעל־שם־טוב, רבי לוי יצחק בערדיטשעווער. צום טייל דערפֿאַר האָבן אַלע יידישע סעקולאַריסטן איבערגעפֿורעמט די יידישע געשיכטע און אַריינגעשריבן אין איר גאָלדענע בלעטער. זיי, די אַנטי־שטראָם־מענטשן אין זייער צייט האָבן געשאַפֿן נייע שטראָמען אין דער יידישער קולטור. זיי זיינען געווען מאַקסימאַליסטן, מוטיקע וועגווייזערס, פֿאָרויסגייערס; נישט קיין מינימאַליסטן, און אידעישע שיריים־קלייבערס פֿון קאָנפֿאָרמיסטישע טישן.

איצט, דריי־פערטל־יאָרהונדער שפּע־טער, טאָרן מיר, זייערע יורשים, נישט ווערן קיין מינימאַליסטן, וואָס וועלן זיך צופרידנשטעלן מיט אַ טיי־לעפעלע יידיש־קייט, מיט אַן איינטאָגיקער יידישער שול. דאָס איז אַוודאי בעסער ווי גאָר נישט, אָבער ווייט נישט גענוג צוצוגרייטן טרע־גערס פון דער רייכער ירושה וואָס די מזרח־אייראָפּעישע תקופה האָט פּראָדו־צירט, און אַוודאי נישט פאַרן גאַנצן יידי־שן אוצר פון אַלע תקופות. פּונקט ווי די פרומע יידן האָבן דאָ געשאַפן אַ נעץ ישיבות, וועלכע גרייטן צו רבנים און לערערס, אַזוי מוזן מיר בויען טאָגשולן וואָס זאָלן צוגרייטן פאַר אונדזער וועלט־לעכן סעקטאָר יידישע געלערנטע, שריי־בערס און לערערס. מיר דאַרפן ווערן מאַקסימאַליסטן, וואָס שטעלן זיך גרויסע ווייט־גרייכנדיקע צילן — אויב מיר ווילן זיין דער אַוואַנגאַרד אין יידישן לעבן, ווי מיר זיינען עס געווען אין אַנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט.

פריידל טראָפימאָוו־פרידמאַן

# דער מדבר אין אַריזאָנאַ

צופוסנס די ריזיקע בערג
דער מדבר ליגט נאַקעט און שטום
און שטיינער, ווי סקעליעטן,
אין זאַמדן אַרום און אַרום.

אינדיאַנישע שטיבלעך פון ליים —
ביי ראַנדן פון בערג, ווי אין דרימל,
און ס'שרייען דאָ פאַרביקע פייגל,
ווי זיי וואָלטן וועקן דעם הימל.

אַ טרויער הילט איין דאָ די ערד —
זי קאָן זיך נישט פּרוכפּערן, מערן,
און ס'דאַכט זיך זי בענקט און זי וויינט,
דו קאָנסט איר געוויין דאָ דערהערן.

פאַרכטיק גייט אונטער די זון
און ווערט אונטער בערג ווו פאַרפאַלן.
נאָר ערגעץ אויף שפּיץ פון איין באַרג
נאָך גאָלדיקן זיך לעצטע שטראַלן.